[G. 8.1.31] 

# ספורי מוסר

אדער

## מוראלישע ערציילונגען

דאס זיינען קליינע געשיכטען · וואס נור דיא ווארהייט בעריכטען· זיינן ריין פון ליגען · אונ מאכען גרויס פערגעניגען · זייא דערציילען פון פרומע לייט · וואס ווארען ניט וויט פון אונזער צייט · זייא בעווייזען דיא השגחה פון גאט · איבער יענע וואס היטען זיין געבאט · אונ ווידער וויא מען מוז זיך היטען ניט עובר צו זיין וואס דיא עלטערן פאר דעם טויט געביטען :

**מאת אמ״ד.**


**ווילנא**

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ה לפ״ק


---

**МОРАЛИШЕ ЕРЦЕЛУНГЕНЪ,**

т. е. Нравоучительные разсказы

А. М. Дика.


**ВИЛЬНА.**

Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,

на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ

подъ №№ 327 и 328.

1875.

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Цензурою. 1 Сентября 1874 года. Вильна.

## ר׳ ישעיה זוכעוויצער זכרונו לברכה:

זה כמו שמונים שנה) עס וועט שוין זיין איין ערך פון אכציג
אר׳ דאס אין דעם דארף זוכעוויץ וואס איז ניט וויט פון לופק אין
ער מדינה פון ליטע האט געוואוינט איין גרויסער צדיק ר׳ ישעיה
ליער וואר אגרויסער למדן · נור צו ליב זיינע גרוישע צדקות
אט מען ניט גיהערט אזו שטארק פון זיינע גרויסע למדות · צווייטענס
אר ער אגרויסער עניו דאס ער האט זיך מיט זיינע גרוישע למדות
נץ ווייניג ארויס געוויזין · ער איז גיוועזן כל ימיו איין ישובניק אונ
אט פערלעבט זיינע יארין אין דיזען דארף · אונ דאך וואר ער
ין איש חכם דאס מען פלעגט צו קומען צו אים פון כמה מייל
ות פרעגין הן אידען הן קריסטען · אונ זיין עצה איז גיוועזן
עמאל אזוא ריכטיג אונ גוט אזוא וויא פון איין נביאס מויל ·
ער פרומער מאן וואר דער צו איין פלאקס הענדלער אונ אגרויסר
יט צו הויז אונ דאך האט ער זיך גימאכט צייט צו דאוונען אלע
ג בצבור. אונ צו עוסק זיין גאנצע נעכט אין תורה אין זיין חדר מיוחד
ם ער האט גיהאט · ער וואר דער גרעסטער בעל נאמנות דארטן
ת דער גרעסטער מכנים אורח · דער גרעסטער בעל גומל חסד
נגופו אונ הן בממונו · אונ גאטעס זעגען (ברכה) וואר ביא אים
אין שטוב אונ הן אין פעלד · דען ער האט גיהאלטן פיל קרקע
ם מען האט גיזעהען בחוש דאס גאט איז מיט דיזעם מאן אונ
ר עולם האט אים · גיהאלטען פאר אזוא איין גאטס גיבענצטען
ן דאס יעדערער האט משתדל גיוועזן צו קויפען פון אים איין
יאס אדער צו פערקויפען אים איין עטוואס · דען מען האט
פירט דאס וואס נור זיינע איז גיוועזן הן אטמבע הן אבהמה
ם עס אין זיך גרויס הצלחה · דאהער פלעגען דיא עובדי אדמה
ר צו זיין איין צו זייען זייערע פעלדר נור מיט דיא תבואה וואס

זייא האבין פון אים גיקויפט און גרוישע שררות פלעגין אים צוא
פירען איבער זייערע גיטער · דען זייא האבין גיגלויבט און אויך
גיזעהען בחוש דאס דיא ערד ווערט פרוכט באר אונטער זיינע
טריט דאס עס איז גיווארין שוין איין שפריכווארט אין יענעם געגענד
גידיע שאיע חאדיט · טאם זיפא ראדיט :

## דיא ווערטונג · THE TEST

השר) דער שררה אונטער וועלכען דיזער פרומער מאן האט
געוואוינט האט זיך מיט אים זייער שטארק מתפאר גיוועזן פאר אלע
אנדערע שרים · און פלעגט אים אן טאן גרוים כבוד און האט
אין אים און אין זיינע רייד מאמין גיוועזן ווייא איין פרומער
אין זיין גוטען אידין · דען ער האט אים שוין אויס געפרופט
כמה יאר אין קליינע און אין גרויסע זאכען און האט אים גיפונען
אין יעדער זאך ריכטיג און ערליך גאר אן אשיעור הין צו איינעם
און הין צו אקריסטען · ער וואר איניטער מדריך צו זיינע
ער פלעגט זייא צו שטראפין און זייא פלעגין אים צוא
טויזינד מאל מער אלס זייער ציוואן מיט זיין קנוט · און
איז דארטן גיווארין איין ראנדאר זייגען זייא גיווארין רעכטע
בתים און האבין אויף גיהערט צו שיכורין · נון פערשטייט זיך
דורך דעם אליין האט ער שוין גידארפט זיין ביא אים איינער
תקיף · נאך טייערער און גיאכטער איז ער אבער ביא אים גיווען
דורך איינע געוויסע ווערטונג וואס ער האט זיך איבער אים
מיט אגרוישען שררה אין אגרויסען גוט און ער האט געוואוינט
כי פעם אחת) דען אמאל אלם עס וואר אגרויסער באל
זיין שר וואס עס ווארין דארטן זייער פיל שרים און גרויסע
האט דער שר גיטרונקען דיא ערסטע גלאז ווין צום געזונד פון
שאיען זיין ראנדאר און דער נאך צום געזונד פון אלע געסט
ווארען דארטן · נון האט עס איין געוויסען גראף זייער פע
דאס מען זאל אזוא פיל כבוד געבען איין אידעל אראנדאר
דער



דער צו נאך אונטער דיא אויגין און האט זיך מיט דער גאנצער
געזעלשאפט זייער צו לאכט איבער דיזע מעשה · מיין ליבער
השר האט זיך אבער דער שר אפגערופען צו דעם גראף · ווען דוא
וואלסט וויסען וואס פאר איין געטליבער און הייליגער מאן דיזער
שעיה איז וואלסט דו ניט אזוא געטרונקען דיא ערסטע גלאז ווין
צו זיין געזונד · דוא וואלסט נאך דיזע ווין געטרונקען אין זיין
שטוציגען שוך · און האט אזוא אן גיהייבין צו דער ציילען פאר
אים גרויסע גדלות פון דיזעם שעין · און אויב דוא ווילסט אים
קענען אויף קלאר האט אים דער שר ווייטער גיזאגט קען איך זיך
מיט דיר וועטען אין וואס דוא ווילסט דאס דוא וועסט מיט קיין
זאך שבעולם שטערען דיזעם מאן איין עטוואס אין זיינע פרומקייט
און אין זיינע ערליכקייטידען עס איז אמאל ארונטער געלאפין זודיקע

Never interrupts his prayer

טאסער אונטע זיינע פיס בשעת ער האט מנחה געדאווענט און ער
האט ניט אפ גיטראטען פון זיין שטעל און האט אויך קיין קרעכץ
גישאן · אזוא ווייט וואר דער מענטש פערטיפט אין זיין תפלה · נוט
איך האב פאר דיזעם צבויאק איינע בעסערע פראבע האט זיך
אפ גערופען דער גראף און איך וועט מיט דיר אין איין נוט פון
צוואנציג דימע · גאנץ רעכט האט זיך אפגערופען דער שר דאך
אבער זאלסט דוא אים קיין בייזעס טאן · ניין האט זיך אבגירופין
דער גראף עס וועט אים קיין האר גערקריכט ווערען ביא מיינער
שווערע פראבע :

וכן) און אזוא האבין זייא זיך גיוועט פאר אלע געסט אין
דיא אויגען · נור באופן דאס דער שעיה זאל פון דיזע וועטערייא
גוט וויכין · און דאס דיא פראבע קען גישעהען תאצבע אין
איאר ארום :

ויהי) און עס וואר אין אפאר חדשים ארום איז זיך דיזער
גראף אן גיפארין צו דעם שעין איז קרעצמע צו אבענד צייט
מיט נאך איניגע שרים וואס זאנען ביא דער וועטונג און אלם
דער שעיה האט זיך גישטעלט דאבענען מנחה האבין זיי זאלבענאנד
אים

אוים גישאסען פאר ביא זיינע ביידע אויערין אונ דר ר' שעיה האט
זיך ניט גערירט פון זיין שטעל אונ האט אזוא נאר דעם קאפ ניט
אביינג גיטאן אן אזייט אונ האט זיך זיין מנחה ווייטער גידאבענט :

וישתאה) דא האט זיך דער גראף זייער פאר וואונדערט
איבער דיזעם גאטליבען מאן · אונ האט גיזאגט איך האב גיזעהן
וואס איך האב ניט גיגלויבט · נון מעכטע איך גיוואונצען דאס
אלע מיינע ארענדארעס זאלין זיין וויא ער :

ויהי) אונ עס וואר וויא דיזער ר' שעיה איז אוים גיגאנגען
שמונה עשרה אונ האט דער זעהען דעם גראף האט ער אים זייער
שיין אנגענומען אונ האט אים גיפרעגט וואו הין ער פארט · אונ
האט אים איבער געבעטען דאס ער זאל קיין פאר איבעל האבין
וואס עס איז היינט עפעס רויכיג אין שטוב אונ שטינקט מיט שארק
דען פאר געווים האט זיך געמוזט די פייער געצייג אן צינדען מיט
דיא שוועבעלעך · דיזער תמים האט עס אזוא גערעט נור ווייל ער
האט באמת דיזע שיסערייא גאר ניט גיהערט · אזוא ווייט וואר ער
פאר דבייקעט אין זיין געבעט · א האט ער צו אים גיזאגט הלואי
זאל נאך אזוא איין צווייטער ניט גיבארען ווערען וויא דוא · דען
איך האב צו ליב דיר פערשפילט אגוט פון צוואנציג דימעס אונ האט
אים דער ציילט דיא גאנצע געשיכטע · דער סוף וואר דער פון
דאס דער גראף האט ניט אבגיטראטען פון דארטען ביז דער שעיה
האט אים גיבענצט אונ האט אים דער פאר זייער רייך בעשאנקען :

״דיא דרשה געשאנק״

אצלו) ביא דיזעם פרומען מאן האבין געדינט איינג מיט
אמאדי ביידע גאנץ ארענטליכע אונ פרומע קינדער · אונ ווארען
אויך טרייע דינער · נון ווארען זיא זייער גיאכט ביא דיזעם ר
שען אונ ביא זיינער פרויא · אונ עס וואר אלם זיא ווארען שוין
אלט צו עטליכע אונ צוואנציג יאר · האט זיא דיזער ר' שעיה
ביידען



marries his two servants to each other

ידען חתונה גימאכט · ער האט זייא גיגעבין נדן · האט זייא
ום גיקליידעט אונ האט גימאכט איינע פאראדנע חתונה וויא
זייא איינענע קינדער אונ האט זיך זייער שטארק משמח גיוועזן
ט זייא · עס ווארען צו דיזער חתונה גילאדען זייער פיל ישובים
ונ אויך דיא אפיציליסטען פון הויף · נאך דעם בענטצען איז זיך
ער ר' שעיה עטוואס איין גישלאפין ביא דעם טיש · אונ
ער ווילע האט דער בדחן אוים גירופין דרשה געשאנק אונ דיא
שובים וואס זיינען גיקומען אויף דיזער ארעמע חתונה פיל מער
ון פערגעניגען וועגין אלס פון מצוה וועגען · האבין אן גיהויבין
ם שפאס צו ווארפען הילצערנע לעפעלי הילצערנע קאכלעפעל ·
ילצערנע טעלער · אונ הילצערנע שיסלען · זייא האבין אן גיווארפין
אנצען טיש דער מיט דאס חתן אונ כלה האבין זיך פערשעמט
ער דעם אונ האבין זיך פון איין אנדער גיוויינט · אין
ם האט זיך דער ר' שעיה אויף גיחאפט אונ האט דער זעהן דיא
תן כלה וויינענדיג · וואס וויינט איר מיינע ליבע קינדער האט
ר זייא גיפרעגט · ״פאר וואס זאלין מיר ניט וויינען״ האבין זייא
ום גיענטפערט · איר זעהט דאך וויא מען מאכט זיך לוסטיג
בער אונז · לא די וואס זייא שיינקען אונז גאר ניט · זיינען זייא
אך אונז מבזה אונ ווארפען אונז דרשה גישאנק הילצערנע כלים ·
א מיינע ליבע קינדער האט ער זייא גיענטפערט איך בעט אייך
מט עס אלץ צו זאמען אונ בעהאלט עס ביא אייך דאמיט איר
אלט גידיינקען דאס איר זייט אמאל אזוא שפל גיוועזן דאס אייערע
תונה לייט האבין אייך אזעלכע כלים גינגעבין פאר אדרשה גישאנק
ק איר וועט פאר געווים זיין אמאל גרויסע גבירים · איר אונ
ייערע קינדעס קינדער · נון האט חתן כלה גיטאן אזוא וויא דער
אלעבאס האט גיהייסען · האבין עס צו זאמען גינומען דיא ישובים
אבין זייא באלד איבער גיבעטען · אונ האבין העכסט חרטה
האט אויף דיזעם זינדיגען שפאס · אונ דיזע פאר פאלק האבין
ך באלד געדונגען אקליינע ארענדע אונ גאט האט זייא זייער
מצליח

מצליח געוועהן · דאס איז אואר צוועהן האבין זיי זיך נימאכט זילבערנע
כלים · אונ אזוא הארען זייא נבירים כל ימיהם · אונ דיא הילצערנע
כלים וואָרען אוים געשטעלט ביי זייא אין דיא מוזעאום לזכר
עולם וויא דער ר׳ שעיה האט זייא געהייסען אונ אזוא האבין אויך
זייערע קינדער געטאן · אונ זייערע קינדעס קינדער וואס זיינע
גבירים עד היום · נון קען מען מיט רעכט זאגין דאס אויף דעם ה
שעיען איז מקוים געווארין דיא ברכה מיט וועלכע גאט האט
געבענטשט אברהם אבינו "והיה ברכה" דאס הייסט דיא ברכות זיינע
דיר אין האנד איבער געגעבין צו בענטשען וועמען דוא ווילסט :

הכנסת אורחים "איין אורח הגון"

פעם אחת) אמאל וואר דיזער ר׳ שעיה זייער בעזארגט דא
ער האט ניט געהאט קיין אורחים צייט עטליכע טעג · אונ דאהער האט
ער זיך פרייטיג אין דר פריא אליין געשטעלט אויף דעם גאסצינע
אום אפ צו היטען צו וועט ניט עפעס איינער פארען וועט ער אי
דער האלטען אויף שבת · ער מעג זיך זיין וועַר ער איז ארעם אד
רייך · אונ עס וואר אזוא וויא ארום צוועלפען האט ער דר זעה
וויא עס פארט עפעס אריבער מאן אין אמייערע בריצקע מי
דרייא נוטע פערד מיט איונג · קוים האט דער ר׳ שעיה דע
זעהען האט ער אים דער האלטען אונ האט אים ניט נעלאז
ווייטער פארין · ניט אנדערש איר מוזט ביי מיר שבת זי
האט ער צו אים געזאגט· איר וועט אייך ביי מיר גוט אוים רוהע
אונ האבין אלע ווינאדעס · דער אורח אבער האט ניט געוואל
אונ האט אים געענטפערט איך קען נאך אפאר מייל אן ציהען
אונ דאס איז ביי מיר טייערער אלס אלע ווינאדעס אין דר וועלט
"ניין מיין ליבער פריינד" האט זיך צו אים דר ר׳ שעיה אפגערו
איר האט ווייטער ניט צו פארין היינטיגען טאג דען נעכטען ב
נאכט האט דער רעגען דער גרויסער אראם געטראגין דעם בריקע
וואס איבער דעם טייך אונ דאס וועט ערשט מארגין פר ריכט ווער
נון



נון קענט איר קיים איין האלב מייל אן ציהען אונ דארפט וואוינט
זיך אאידעל איין אבין · דהער פאלגט מיר אונ האלט שבת ביי
מיר · אונ אזוא ריידענדיג האט ער ארוים גענומען פון אונטער
לע אפלאש בראנפין מיט אגרויסין לעקעה אונ האט שוין
מאכט מיט אים לחיים אונ האט צו גלייך פערקערעוועט דיא
רד צו זיך · קיין פאטער קען זיך בעסער ניט פרייען מיט זיין
ן יחיד וואס ער האט אים ניט געזעהן פון כמה יאר וויא דיזער ר׳
שעיה האט זיך געפרייט מיט דיזעם אורח · ער האט צו ליב אים
מאכט אוואזנעם שבת אונ וואר מיט אים ביי דעם טיש זייער
פריינדליך אונ לוסטיג · פאר דעם שלאף האט מען געטרונקען אלטע
עדי נאכהער האט זיך דער אורח געלייגט שלאפען אונ איז זייער
עסט איין געשלאפין אונ דער ר׳ שעיה איז זיך נאך געבליבין
יצען ביי דעם טיש אונ האט זיך געלערענט זיינע זאכען וויא זיין
שיינער וואר אלע שבת נאך דעם עסען :

ויהי טרם כבו הנרות) אונ עס וואר וויא עס האבין אן
הייבין דיא ליכט אוים צו גיין האט אן געהייבין דער אורח זייער
ארק צו חראפען אונ דער נאך האט ער אן געהייבין צו ריידין
פון שלאף אויף רייסעס · ער האט אבער ניט גירעט קיין נבול פה
חלילה אונ ניט פון געשעפט זאכען נור וויא ער וואלט געשטאנען
אר דעם שר פון דיזעם חצר אונ דינגט אוים פון אים די ארענדע
אונ ניט דער ביי איין הוספה פון טויזענט גילדען · ר׳ שעיה האט
ם דער הערט אונ איז ביי זיך אראם געפאלען דען צייט איין
ר איזט דיזער חצר ארונטער אונטער דיא הענט פון אנייעם
שר וואס ער האט עס ביי דעם פריערין אפ גינומען פאר ארוב ·
אונ דיזער נייער שר האט זיך נאך גאנץ ווייניג געקענט מיט דיזעם
ר׳ שעיה · נון קען דאך גרייליך געמאלט זיין דאס דיזער אורח
ואס האט ברעה צו געבין אזוא איין הוספה וועט אים אוים דינגען·
אך אבער איז אונזער פראסטער מאן געבליבין גאנץ רוהיג אונ האט
זיך נימאכט גאנץ ניט ווייסענדיג · אונ האט אים אויף מארגין אויך
זייער

זייער ארענטליך בעהאנדעלט · אונ האט אים אן גיטאן כל הכבוד וויא נעכטען · שבת צו נאכט האט שוין דער אורח גיוואלט אוועק פארין אונ האטזיך שוין בעדאנקט ביא דעם ר׳ שעיען פאר זיינע גרוישע הכנסת אורחים · דען ער האט ווירקליך מער ניט וויא גידארפט אין חצר אום דיזען פרומען מאן אוים צו דינגען· דא האט אים ר׳ שעיה אפגיהאלטען איבער נאכט ביא זיך · אויך מיט דער זעלביגער טענה וואו היין וועט איר פארען · דער בריק וועט נאך בוודאי ווערען פארטיג ערסט גענען טאג · עם וואר דאס דעם אורח אפילו ווינד אונ וויא ער האט אבער פארט גימוזט אים נאך געבין אונ איז געבליבין דארטין איבער נאכט · אונ דער ווייל איז זיך דער ר׳ שעיה אוועק אין הויף אונ האט ארוים גינומען ביא דעם שר איין קאנטראקט אויף צעהן יאר · זונטאג אין דער פריא איז זיך דער אורח געקומען צו דיזעם שר פון דיזעם חצר · אונ האט אן גיהייבין אריין צו ריידען מיט אים וועגין דיא ארענדע אונ האט אים גיבאטען טויזענד גילדען הוספה · ער האט שוין אבער דער וואוסט נאך אלעמען · אונ האט נאך גיהאט דער צו בזיונות פון דעם שר דאס ער קריכט גאר אויף איין צדיק וואס איזט היליג זעלבסט ביא קריסטען :

״דיא בינדע אדער בינדיליק״

הרבנית) דיא בריסקער רעבעצין וואס וואר ר׳ לייבעלעס ווייב וואר איינע גרוישע צדקנית · נון וועלין מיר דא נור איין פראבע פון אירע צדקות ווייזען · וועט מען שוין דאס איבעריגע אליין פערשטיין · עם וואר אמאל ביא איר איין שמחה · אזוא אשמחה וואס ניט אלע זייען עם זוכה צו מאכען · איר מאן האט דעם נייינטען מאל ש״ס אוים גיהאט · נון ווארען דער צו געלאדען נור גרויסע לומדים אונ גרויסע נכבדים · אונ דאך איזט ביא איר אין דיזע נאכט איר טייערע בינדע פון איר גענגבת גיווארין ; דער שאדען וואר גרוים · דאך אבער האט מען מער ניט וויא געזוכט
אין



אין שטוב אונ ווייטער האט מען קיין לארעם גימאכט אונ קיינעם ניט חושד גיוועזן אונ מען האט אויפגעהערט צו ריידען דער פון :

לא ארכו הימים) עם האט ניט לאנג גדויערט אונ אנייע נגידה האט גיבראכט צו איר ווייזען אטייערע בינדע וואס זיא וויל עם ערסט קויפען · אונ בעט איר דאס זיא זאל עם איר שאצען ווען דיא רבעצין וואר אגרויסע מבינטע דארויף ; זיא האט אבער באלד דער קענט אז דאס איז נור איר בינדע · אונ דאך האט זיא זיך גימאכט ניט וויסענדיג אונ האט איר געשאצט ריכטיג וויא פיל זיא איז ווערט ״פאר אזוא אווייטע מבינטע האב איך אייך ניט ניהאלטען״ האט זיך דיא נייע נגידה אפ גערופין ״דען זאלט איר אזוי געזונד זיין אונ איך דאס אזוי פיל בעט מען פון מיר · ניט מער אונ ניט ווייניגער ניט אנדערם איר האט גימוזט דער ביא שטיין · וואס האב איך אליין אמאל בעצאלט פאר איר״ האט זיא איר גענטפערט אוועק געבענדיק איר דיא בינדע צוריק אונ האט נאך אמאל איר ניט גיוואלט פרעגן ווער עם פערקויפט עם איר · דען זיא האט גוט גיוואוסט דאס קיין גנב האט עם ביא איר גענגבת נון האט עם געווים איין פארנעמער מאן געטאן פון נויט · נון דארף מען אים גיט צוא שאנדען מאכען :

״דיא דין תורה״

הגאון הגדול) דער גרויסער גאון ר׳ יעקב ווילנער וואס ואר דער פאטער פון דעם חכם צבי דער זיידע פון דעם גאון ר׳ קב למדן זכרונו לברכה וואר במעט דער גרעסטער למדן פון זייך די · אונ דער צו נאך אגרויבער שפראך קענער אונ וויא גרוים ם וואר זיינע למדות וואר זיינע צדקות נאך גרעסער · נון וועלין ר דא אויך איין עטוואס פון אים דער ציילען · דיזער גרויסער אין וואר ארב אין פאריז אונ וואר העכסט געאכט אזוא ביא רין אונ אזו ביא קריסטען · אין יענע צייטען וואר דארטען דיא ה פון יעדען רב זייער וויכטיג בפרט פון אזו ארב וויא ער וואר
זיינע

זיינע פסקים האבין גיהאט איין געוויכט וויא איין דעקרעט פון סענאט · דען מען האט שוין געוואוסט אויף קלאר דאס ער איז דן דין אמת לאמיתו :

ויהי היום) נון האט זיך איין מאל געמאכט דאס צווייא גבירים האבין גיהאט צווישען זיך א גרויסען סכסוך וואס האט בעטראפען מער אלס דרייא מאל הונדערט טויזענד טאלער · און וארען געניימיגט צו האבין א דין תורה פאר דעם רב · איינער פון דיזע ביידע צדדים וואר אגרויסער תקיף ביי דעם קיניג · און וואר פון נאטור ניט קיין גוטער מענטש דער צו נאך וואר ער אויך איין קנאפער איד · ביידע האבין גיטענעת פאר אים און יעדערע פון זייא האט זיך גיוואלט געווינען דיא דין תורה · נון האט דער רב פערלאנגט דאס מען זאל אים געבין דרייא טעג צייט ביז ער וועט ארויס געבין דעם פסק · דער ווייל האט ער גילאזט איינפאקען אלע זיינע זאכען מיט נאר דיא הויזראט אין דרייא בריקעס און דער נאך וויא ער איזט שוין גיוועזן פארטיג מיט אלעם האט ער אפגעשריבין דעם פסק דאס דער גרוישער תקיף האט פערשפילט און איז באלד מיט זיין פאמיליע אנטלאפען פון פאריז · דען ער האט פחד ניהאט פאר גרוישע רדיפות פון אים · ער וואר אגרויסער בעל מטפל · און איז גיקומען ארעם און בחוסר כל צו זיין מחותן דעם גביר וואס וואר דער שווער פון דעם חכם צבי וואס וואר זיין זון און איז גיזעסען ביי אים ביז ער האט בעקומען איינע אנדערע שטעלע אויף רבנות · אזוא ווייט האט זיך דיזער גרויסער מאן ווייא געטאן אום נור צו משפטן איין משפט של אמת :

אויך ניט נאך הערבער

## דער בקור חולים.

זה כארבעים שנה) עס וועט שוין זיין איין ערך פון פערציג יאר דאס איינער פון ווילנער גרוישע גבאים איין איש חכם ונדיב וואס וואר מעהר אלס צוואנציג יאהר דער משגיח איבער דעם אידעשען האספיטאל און האט עוסק גיוועזן אין דיזער שווערע א

היילינע



היילינע עבודה באמונה גדולה · האט אין דעם ערשטען יאר וואס ער האט אויף זיך גענומען דיזע מצוה האט ער גיהייסן ארויס טראגין אום ערב יום כפור אין דער פריא דרייא טישען דארטן אויף דעם הויף צווייא גרויסע און איינם אקליינם · דיא צווייא גרויסע וארען גידעקט מיט טישטעכער און אויף זייא וארען אויסגעשטעלט בראנפען · לעקעך פירעסקעס · און אויף דעם קליינעם טיש האט ער זיך אנידער געשטעלט און האט צו זאמען גערופען ארום זיך אלע בעדינער · אלע בעדינערקעס · און אלע צירולניקעס · און האט זייא דער ציילט אקליינע געשיכטע וואס וואר פאסענד פאר זייא צו הערען אין דיזעם טאג און איזט פון גרוים נוצען פאר אלע מענטשען צו הערען איר אלע טאג :

(שמעו נא אחי ואחיותי) הערט מיינע ליבע ברידער און מיינע ליבע שוועסטער האט ער צו זייא גיזאגט · עס איז היינט ערב יום כפור · איין טאג וואס יעדר איד איז זיך אין אים מכין מיט תשובה און מיט מעשים טובים אויף דעם מארגענדיגען טאג יום כפור · איין טאג וואס ווערט געפייערט און געהייליגט וואו נור אידען וויינען דא · און וואו זיינען אידען ניט דא ? נון הייסט עס אין דער גאנצער וועלט · ער איז אזו א טאג וואס ווערט ניט פאר געסען וועלבסט פון דעם גרעסטען אויסגעלאסענעם · פון דעם גרעסטען אפיקורוס · אדער אזוא גאר פון דיא גרעסטע אידעשע שרים וואס וויינען אין אנדערע לענדער יענעראלען און זיינען גאר אין דיזער צייט אין מלחמה · נון וואס זאלין מיר שוין ריידין פון אונזערע רבנים און אונזערע היילינע לייט · ביי זייא איז דיזער טאג בוודאי קודש קדשים · יעדער מינוט פון אים איז ביי זייא פר געוויס טייערער פאר כל הון דעלמא · און דאך הערט נור מיינע ברידער און שוועסטער · האט דער ביי גימאכט איין אויסנאם · אמאל איינער פון דיא גרעסטע רבנים · און דאס וואר ר׳ רפאל האמבורגער רב · דאס איז דער גרויסער מאן ר׳ רפאל וואס אויף אים האט אונזער ווילנער גאון ז״ל עדות געזאגט מיט דיזעם לשון · באם משיח

ווערט

וועט קומען אין אונזערע צייטען וועט ער פאר געוויס מאכען דיזעם
ר' רפאל פאר אכהן גדול (דען ער וואר אכהן) ווייל ער איז קלאר
אין תורת כהנים און איז אזוא אחסיד וצדיק וויא איינער פון דיא
גרעסטע כהנים גדולים וואס ווארען אמאל אין בית המקדש» דיזער
הייליגער מאן איזט אין דעם ערשטען יאר וואס ער איז געווארין רב
אין האמבורג ניט געקומען אין שול צו כל נדרי מען האט אויף איהם
געווארט אלאנגע צייט · מען האט איהם גישיקט רופען מען האט
איהם אבער ניט דערוויסט אין דר היים · נון האט מען געמוזט
זאגען כל נדרי אן איהם · און אזוא דאוונען מעריב אויך אן איהם ·
און דער גאנצער עולם וואר דורך דעם זייער בעאונרוהיגט · דען
מען האט גיט געוואוסט וואס איבער צו טראכטען · און אזו וואר
מען העכסט בעזארגט ביז ער איז געקומען צו דיא וידוים · נון
האט ער גידאווענט וויא אזוא אמאן געהערט צו דאוונען · נון האט
זיך פערוואנדעלט דיא גרויסע זארג פון דעם עולם אין דר העכסטע
נייגירדע (ציקאוואסץ) · דען יעדערען האט זיך גיוואלט וויסען
וואס וואר דיא אורזאכע פון זיין פערזאמען זיך · נון האט מען
שוין קוים דער לעבט דאס עס זאל זיין נאך שיר היחוד · און דאן
האט איהם דער גרעסטער פרנס געפרעגט מיט גרויס דרך ארץ רבי
וואס איז דיא מעשה מיט אייך דאס איר זאלט ניט קומען צו כל
נדרי · „דיא מעשה איז גאר ניט אזוא וויכטיג» האט איהם דער
רב געענטפערט· איך בין ניט געקומען צו כל נדרי · ווייל איך האב
מקיים גיוועזן דער ווייל איינע וויכטיגערע מצוה · און דאס
איז ביקור חולים · לעבין מיר וואונט איין געוויסער אידעל איין
ירא אלהים וואס איז זייער קראנק און איך בין איהם מבקר חולה
דרייא מאל אטאג · נון בין איך פאר מיין גיין אין שול אריין
געגאנגען צו איהם · האב איך איהם דער וויסט דאס ער ליגט איינער
אליין זייער שוואך · דען זיין פרויא איז אוועק אין שול · נון בין
איך געבליבען זיצען לעבין איהם און האב איהם בעדינט ביז זיין
פרויא איז גיקומען צו ריק :

נון



נון מיינע ליבע ברידער און שוועסטער · דיזער הייליגער
גרויסער מאן מעג אייך דינען פאר אגוטען ביישפיל פאר דעם
מארגענדיגען טאג · ווער עס האט פון אייך איין שווערען חולה אין
זיין שיילע · זאל פון איהם איין מינוט ניט אפטרעטען און דער גאט
וואס האט גיהערט דיא גיבעט פון יונה הנביא פון דיא טיפענעם
פון מער וויא דער פסוק זאגט (מבטן שאול שועתי אליך שמעת
קולי) דאס הייסט פון מערעס גרונד האב איך געשריען צו דיר
און דוא גאט האסט מיינע שטימע געהערט · דיזער גאט וועט
הערען אייערע שטילע געבעט וואס איר וועט צו איהם בעטען געבין
אייערע קראנקע · נון זאל אונז גאט געבען אגוטעס יאר און
אגעזונטעס יאר „לנו ולכל בני האדם בכלל» און אלע האבין
געענטפערט · אמן :

„דיא גערעכטע שטראף געריכט פון גאט»

אמרי אינשי) דער עולם זאגט איין שפריכווארט · וועמען
גאט גיט מאות דעם גיט ער אויך דעות · און וועמען גאט גיט איין
אמט (אצין) דעם גיט ער אויך פערשטאנד · וויא שאול איזט נור
ניווארין אקיניג האט ער שוין בעקומען אגרויסע דעה וויא דער
פסוק זאגט (ויהפך לו אלהים לב אחר) דאס הייסט גאט האט איהם
באלד נאך דער זאלבונג געגעבין גאר איין אנדער הערץ · און אזו
וואר אויך ביי דוד · נון וואס זאלין מיר שוין ריידין פון דעם
עשירו של עולם דאס הייסט פון גאט ברוך הוא אליין דאס ער
פערשטייט בודאי זיין וועלט צו פירין מיט רעכט און מיט גרויס
ארדענונג · און דאס וואלט געוויס יעדער מענטש זייער לייכט
פערשטיין ווען יעדער וואלט נור וועלען זיין אייגענעם רעכענונג
וואס ער האט מיט גאט ריכטיג בערעכענט און ניט וועלין מאכען
דיא רעכנונגקעס פון אנדערע מענטשען אום צו ווישין וויא זיי שטייען
מיט זייער רעכענונג מיט גאט · פאר געוויס דאן וואלט ביי
אנדערען בעזונדער גאט העכסט גערעכט געבליבין · און נאך

מעהר

מעהר אלס גערעכט · דאס הייסט אזו גאר גענעריג · אונ דאס איז
ווייל מיר מענטשען האבין גאר ניט אזו איין פערשטאנד דאס מיר
זאלען קענען מאכען איין אלגעמיינעם רעכענונג (חשבון כללי)
פון דער גאנצער וועלט · מיר טוען עס אבער דאך מיט גרויס
חוצפה · אונ מיר מאכען איין חשבון השקר · אונ דער פועל יוצא
איז דער פון דאס מען הייבט אן מסופק צו זיין אין השגחה
פרטית · צוויא קליינע ספורים וואס מיר וועלין דא בעשרייבען
וועלען בעווייזען וויא ריכטיג אונזערע רייד איזט דא :

בעיר קטנה אחת) אין איינער קליינע שטאדט פון ליטע וואר
אמאל אגרויסער גביר וואס וואר אויך אגרויסער למדן אונ אגאנץ
בראווער מענטש · נון וואלט אים גיוועזן גאנץ גוט אונ עס האט
אים מאקע גערארפט זיין זייער גוט · דען ער וואר איין גוטער
מענטש · נון האט אים אבער גאט געשטראפט דאס ער האט דער
לעבט צו האבין זיבען קינדער אונ אלע ווארען שטומע · נון וואר
ער אונ זיין ווייב אונ אזוא אלע זיינע גוטע פריינד זייער אונצופרידען
מיט דער השגחה · דען ווירקליך מען האט דארטען דעם מענטשען
געקאנט פון זיינער קינדהייט אן · אונ יעדער מענטש ווייס דאס
ער האט נימאנדען קיין בייזעס געטאן אם לא דאס איזט ניט גאטעס
שטראף נור איין בלויזער צופאל :

ויהי היום) נון וואר אמאל איז צו אים גיקומען צו פארין
זיינער איין אלטער בעקאנטער · דאס הייסט איין יונגענד פריינד
וואס האט מיט אים אין איין חדר געלערענט אונ צו געבראכט
ביא זאמען זייערע קינדערשע יארין · ער האט אים זייער פריינדליך
אן גענומען · אונ האט אים איין געלאדען צום עסען · אונ עס וואר
וויא זייא זיינען אזוא געזעסען ביא דעם טיש מיט דער גאנצע
פאמיליע אונ דיא זיבען שטומע קינדער אויך דער ביא האט זי
דיזער נגיד פון איינאנדער געוויינט פאר אים אונ האט אים ד
ציילט זיין אונגליק "זעהסט דוא מיין פריינד" האט ער צו א
גיזאגט זעהסט דוא דיזע זיבען קינדער וואס זייען זייער שיין





שטאלט זייענע אלע שטום · נוא דוא מיין אלטער גוטער פריינד
אם איך האלט דיך פאר איין ווארען ירא אלקים אונ ביזט מאמין
השגחה פרטית · רעטירע דיא עהרע פון גאט אונ ערקלערע
ווארום קומט מיר אזוא אפסק · איך בין דאכט מיר גוט
גאט אונ מיט לייטען :

רעו שמע והחריש מעט) זיין פריינד האט געהערט זיינע
ים אונ האט אווייל געשוויגין · אונ האט זיך באלד אפגערופין
אים "ניין מיין ליבער פריינד זאג עס ניט · גאט איז גערעכט אונ
משפט איז גערעכט · זיין רעכענונג איז ריכטיג · אונ פאר מיינע
ין זייער ליכטיג · (ברם זכור אנכי) איך געדיינק מיין בעסטער
נד אלס מיר ווארען שוין דרייצען יאריגע קינדער האסט דוא
אפט כמה מאל פייגעלעך אונ האסט זייא אויס געריסין דיא
עלעך אונ האסט זייא גילאזט פליהען אין דער הייך · איך
עס ניט קענען זעהן אונ פלעג אפ קערען דיא אויגען ·
ייא דיר וואר עס איין לויזער שפיל · נון דיזע שטומע פייגעליך
ין דיר פערגעוויס אן געקלאגט פאר גאט · נון האסט דוא
שטראף :

הבי תאמין) "נון גלויבסט דוא דען" האט ער זיך צו אים
רופען דאס גאט זאל אמענטשען שטראפען פאר דעם וואס
האט ווייא גיטאן קליינע פייגעלעך · ווארום זאל איך ניט גלויבין
ער אים גיענטפערט · אונזער גמרא זאגט דאס רבי הקדוש
געליטען כמה וכמה יאר צאן שמערצען ווייל ער האט אקאלב
גיוועזען · אונ איז ווידער גיהיילט גיווארין ווייל ער האט זיך
קליינע ברואים מרחם גיוועזען · גאט האט אונז ערלויבט
בעשעפענעס נור צו עסען אבער ניט צו מאטערען · נון
דוא דיין רעכענונג אויף קלאר · דען ער איז פוקד עון
על בנים :

"דער מייזען טורעם"

עוד ספור אהד) נאך איינע מערקווירדיגע געשיכטע וואס

איזט בעקאנט אין דר גאנצר וועלט וואס ווייזט בחוש וויא גאטעס
שטראף איז מדה כנגד מדה · איין געוויסער בישוף וואס מען האט
אים גערופען אטא פון בולד וואר צו גלייך אויך איין מושל איבער
דיא שטאדט מענץ און איבער דיא גאנצע גובערניע ווארנאי
בייזער שלעכטער מענטש און האט אונטערדריקט דארטן די
נאראד גאר אן רחמנות · אין זיינע צייטען איז געווארין דארט
א יקרות אין יענעם געגענד דאס מענטשען זיינען גיפאלען אין די
גאסען פון הונגער · און דיזער בישוף האט גיהאט גרויסע מאגאזינען
מיט קארין · און האט ניט גיוואלט פאר קויפען פאר קיין געלט
און פשיטא שוין ניט געבין אומזיסט · און דאס וואר אין ד
ערשטען יאר פון זיינע התמנות · דא האט גאט אן געשיקט ז
פיל מייז אויף זיינע מאגאזינען און זייא האבין עס אויפגעפרעסען
ביז דעם לעצטען קערענדעל · און עס וואר וויא זייא האבין ד
אויפגעפרעסען האבין זייא אן גיהויבין צו גריזען זיינע מעבל
זיינע ביכער · און דער נאך זיינע קליידער · נון האט ער
איבער געקליבין אין איין אנדער וואוינונג · זייגען זייא גיקומען
צו אים אהין און האבין צו גריזעט זיינע שיך וואס ער
אוים טאן ביי נאכט · נון איז ביי אים געבליבין דאס
זאל אוים בויען א טורעם אין מיטען פון דעם גרויסען טייך (
און האט זיך דארטען אנידער געזעצט · דער גאט אבער וואס
האט בעפוילען אויף דיא צפרדעים וואס ער האט גיבראכט א
דעם פרעה דאס זייא זאלין קריכען אין דיא הייסע אויבענס ·
דער פסוק זאגט "ובתנוריך" דער זעלבינער גאט האט בפי
אויף דיא מייז דאס זייא זאלין קריכען אין וואשער · נון זי
זייערע צוואר מיליאנען דער טרונקען געווארין · מיליאנען א
זיינען געבליבין און האבין ארויף געקלעטערט אויף דעם טורעם
האבין אים לעבעדיגערהייט פערגריזעט · דיזער טורעם שטייט
עד היום און מען רופט אים (מייזענטורעם) ער שטייט דארטן
איין צוכט רוט אום צו דראהען (שטראסען) דער מיט דיא שפ

דורות



דורות · דאס זייא זאלין וויסין דאס עס איזט דא איין ריכטענדער
נאט אויף דער וועלט וואס לוינעט און שטראפט יעדערין נאך
זיינע מעשים · און דאס ווער עם זאגט דאס דיא וועלט איז איין
הפקר ווערט ער אליין הפקר · דאס איזט געשעהן בשנת 968
לאלף החמישי ·

וכן) און אזוא וואר אויך אין דיזעם יאר הונדערט (במאה
הזאת) איין געוויסער גביר וואס וואר א גרויסער קמצן · דאס ער
לעגט ניט צו געבין א גראשען צדקה · און זיין געלט וואר אים
ליבער אלס זיינע קינדער · האט אים אמאל א פרומער מאן
שאלטען דאס ער זאל פון הונגער שטארבין ליגענדיג אויף זיין
געלט · און אזוי האט זיך טאקע אויס געלאזען · דען א ראפ גייענדיג
מאל אין דיזעם שקלעפ וואו זיינע זעק געלט איזט געלעגען ·
האט ער דיא טיר גינעבין א שטארקען קלאפ הינטער זיך דאס זיא
האט זיך אליין פערשלאסען · און דער שליסעל איז געבליבין
שטעקען פון הינטען · און ווייל דיזער קעלער האט נאך געהאט
אר זיך א קעלער · וואס ער האט יענעם פערשלאסען פון
ווייניג האט גאר קיינער ניט געוואוסט וואו ער איזט אהין
קומען · נון איזט ער אומגעקומען פאר הונגער · און אין עטליכע
אכען ארום האט מען אים דערוויסט ליגענדיג אויף דיא
לט אטויטען :

(גדולים מעשי אלהינו)

גאטעס מעשים זיינען גרויש :

בשנת) אין דעם יאר ש״נ פון דעם אלף הששי · וואר
רויסער הונגער אין ביהם לאנד · נון האט דאן געוואוינט פינף
ל פון פראג אין א קליין דערפיל איין ארעמער אידעל וואס איז
ר פון הונגער אומגעקומען ער און זיין ווייב און זיינע קינדער ·
האט זיך דיזער מענטש אין איין נאכט זייער שטארק פון
אנדער געוויינט פאר גאט דאס ער זאל זיך איבער אים

מ־חם

כרחם זיין · און עס וואר אויף מארגען אין דער פריא האט ער
צו רעכט גימאכט זיין אייזעל און איזט מיט אים אוועק אין
איין געוויישען ארט אום אן צו גראבין ליים און אוועק פירען
אין שטאדט · דען דער מיט האט ער זיך גענערט · נון האט זיך
אים געמאכט דאס ער האט קיין ליים אנגעטראפען מער · נור
איין שיינעם ווייסען שטויב · נור אום ניט צו קומען אהיים
מיט ניכט האט ער זיינע קאסטענס פון אייזעל אן געפילט מיט
דיזעם שטויב און האט עס ביי זיך אין שטוב אויסגעשאטען ·
דיא פרויא אבער זיינע האט עס אן גינומען פאר אמין מעל ·
און האט פערקנאטען דער פון פארפעל און האט עס געקאכט און
האט עס דער לאנגט צום טיש · און זייא האבין אלע געגעסען ·
עס וואר זייא געשמאק און עס האט זייא געזעטיגט און עס איז
זייא אויך זייער גוט בעקומען · נון איזט עס גיווארין באלד
בעקאנט צו טויזענדע מענטשען · זייא זיינען אויך געגאנגען א
האבין אן געפילט דער מיט זייערע זעק און האבין גיבאקט ד
פון אויך ברויט און עס וואר זייער גוט · דער גאון ר' דוד נא
ז"ל שרייבט דאס ער אליין האט דיזען שטויב געזעהן און הא
אים גענומען צו זיך אין שטוב (לזכרון עולם) · נון לאזט ז
ווידער אויס דער היליגער שפריכווארט פון אונזער התורה (ל
על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה') דאס הייס
ניט נור מיט ברויט אליין קען דער מענטש דער האלטען ז
לעבען · נאר מיט אלץ וואס עס איזט געשעהן דורך גאט
שפרוך :

„דיא צוואה פון איין קלוגען פאטער״

איש עשיר) איין געוויסער רייכער מאן וואס וואר אגרו
הכם און איין פרומער מאן האט געהאט דעם אומגליק
האבען אצולאזענעם בן יחיד · דער פאטער האט אן אים
גיוועגדעט אלע מיטעל אין דער וועלט · אמאל מיט גוטען א
מיט



מיט בייזען און עס האט נאר ניט געהאלפען · דאך אבער האט
אים דער פאטער געליבט און האט נאך דער צו גוט געשפירט דאס
ער וועט זיך מיט דער צייט בעסערען · דאס הייסט נאך דעם
אלס ער וועט זיך גוט אן ליידען אין דער וועלט און דאס קען
עס נור גישעהען לאחר מותו · דען וועט ער מיט אים אן הייבן
צוא פירען ארעדעל בחייו וועט ער אים אלע להכעים טאן · און
ער וועט אים מוזען לסוף נאך געבין · נון האט דער פאטער פון
אים געליטען זיין גאנצען לעבענס צייט און האט אים האווירט
וויא איינע בייזע געשוויר · דען זאנסט וואלט עס געקומען צו
דער ווייכט וואס :

ויהי) און עס וואר אלס דער פאטער האט שוין געדארפט
שטארבען האט ער אים געמאכט פאר זיין איינציגען יורש · און
האט אים געלאזען דער צו איינע געשריבענע צוואה אפאר זיגעלטע
דאס ער זאל איר ניט עפענען ביז אין צעהען יאר ארום און וויל
ער האט אים איר אין האנד ניט געטרויט טאמער וועט ער
איר פריהער עפענען · האט ער עס אוועק געלייגט ביי דעם
רב אין האנד · דאך בתנאי דאס אין צעהען יאר ארום זאל ער
דיא צוואה אפ געבען דעם זון אזו פאר זיגעלט וויא זיא איז איצונד
און לייענען זאל איר. נור דער זון אליין · אין דעם זעלבינגען צימער
וואו ער שטארבט יעצט · און וועלכען ער טאר קיין מאל ניט
פאר קויפען אין זיינע גרעסטע נויטען און ווייטער זאל קיין ילוד
איש וויסען וואס עס איז אין איר געשריבען ביז וואנען דער זון
וועט אליין וועלען אויס זאגען און אזו איז זיך דער פאטר אוועק
געשטארבען · נון איז זיך דער זון געבליבען אליין אבעל דעה
איבער אגרויסען פאר מעגין און האט אים אן געהייבען צו שייערן
אין קורצען איז געווארן זיין הויז אויף איין קלוב פון קארטעוויניקעס
פון פרעסער · פון זויפער · כמעט וואר אין איר אוף נור ביי
נאכט און ביי טאג האט מען דארטן געשלאפען · איין גוטר ברודר
האט צוא געשלעפט נאך אגוטען ברודער · קורץ דער פוז אין
פערלויף

פערלויף פון איינגע יאר האט אונזער יורש איבער געפירט גאר דאס בארעס געלד ביז איין גראשען · נון האט מען אן געהייבען צוא פאר קויפען כלי בית · קליינאדען אונ דאס גלייכען · דאס האט אויך ניט לאנג געדויערט ביז ער איז געבליבען נור ביי דיא איינציגע פיר ווענט פון זיין פאטערס וואוהנונג אונ ווען ניט דעם פאטערס צוואה וואלט ער שוין דאס אויך פאר קויפט · נון איז ער שוין געבליבען איינער אליין אין שטוב · דיא אלע חברה לייט זיינע האבען אים אויס געמידען וויא איין ליידיגען זאק וואס מען האט פון אים אויס געליידיגט דיא טויזענדע טאלער · ניט איינער האט זיך דער מאנט צוא בעזוכען אים ניט איינער האט זיך דר מאנט צוא בעטען אים אויף איין אן בייסען ער וואר פון זייא פאר געסין וויא איין פאריאריגער שנייא :

אונ דאן האט אן געהייבען אונזער יורש צו פילען הונגער אונ קעלט · דא האט אים געפעלט אשוך דא האט זיך צו ריסין אקלייד אונ דא איז שוין קיין טאטע ניט דא וואס ער זאל אים שטראפען ער ווערט זיך דער מרינקען ער ווערט זיך כופר זיין פון זיינע פאלשע גוטע פריינד וועגען מעג ער ביידע זאכן אויף איין מאל טאן · נור פריער דיא לעצטע פאר דיא ערסטע ער האט שוין אן געהייבען חרטה צוא האבען אבער וואס העלפט עס חרטה נאך דער צייט בריינגט ניט ווייט · נון וואר ער גנייטיגט אויף צוא זוכען עפעס אלטע שפאטקעס וואס ער האט גיקענט פאר קויפען אדער אויף צוא מאכען עפעס איין אלטען הויב דעם פאטערס אונ אום ניט צו ווייזן זיך אויף די גאסן אלס אבעדראניץ אפ געריסען אונ אפ געשליסען · פלעגט ער מוזען צו פוילען צוא הויז אימער אונ וואלגערין זיך אויף הוילע שטרויא וויא איין געפאנגענער · וואס לאסטעט אויף אים איין שווערעס פאר ברעכן אונ דאן האט ער נענוג צייט געהאט צו בערעכענען זיין טרויעריגע לאגע זיינע גרויסע זינד אונ וויא ער אליין איז דער הייב פון זיין אומגליק · פריער האט ער ניט גיוואלט קיין זאך לערנען דאס ער
זאל



זאל עפעס אין דער וועלט טויגען · דער נאך אלס ער איז געווארען עפעס אשטיקעל מענטש האט ער אן געהייבען ניט צו שטאטקעווען · אונ האט דעם פאטער זייער געקריינקט אונ גאר לסוף האט ער איבר געפירט אזו אגרויסן פאר מעגן אין אזו אקורצע צייט · גענוג קלעטענעם פאר איונגען מענטשין וואס ער האט קיינעם ניט אן צוא קלאגען פאר זיין אומגליק נור זיך אליין :

נון איז דר נויט אזו ווייט נקומען דאס אין ווינטער צייט האט ער זיך שוין ניט געהאט פון קעלט וואו אהין צוא טאן וויא נור אין דעם קלייזעל וואס זיין פאטער האט אויס געבויט אין דעם קלייזעל וועלכען ער האט פון זיינער קינדהייט אן אויס געוויבען וויא איין גנב ווייכט אויס דעם אסטראג · אין דיזעם קלייזעל האט זיך דיזער בן יחיד דיזער רייכער יורש געמוזט וועלגערען אונטער דעם אויבען אונ פלעגט זיך נור גענערען מיט די שטיקלאך ברויט וואס עס האבען אים צוא געווארפען דארטין דיא ארעמע בחורים דאס עס איז אים זיין לעבען מיאוס אונ מאוס געווארען :

בין כה וכה) דער ווייל זיינען זיך דיא צעהען יארן וואס דער פאטער האט בעשטימט ביז צוא עפענען דיא צוואה איבער געלאפען צעהען יארען אין וועלכע ער האט גיעלטערט וויא אין צוואנציג יארען · ער האט אן דער צוואה שוין גאר פאר געסין · ווייל ער האט איר גאר ניט געהאלטען פאר וויכטיג · דען ער האט פאר שטאנען דאס דארטען מוז מער ניט זיין געשריבען וויא שטראף רייד · דען ער פלעגט אפט צוא הערען פון פאטער דאס ער פלעגט צוא זאגען נישט קשה ער ווערט אין איאר צעהן צוועלף קומען צום שכל · אונ עס וואר סוף צעהען יאר אין דער נאכט פון זיין יאר צייט האט גילאזט דער רב אים רופען צוא זיך · עס האט אים דיזע איין לאדונג צום רב גיגעבען אשטאך אין הארצען ערסטינס האט ער זיך געשעמט צוא קומען צוא אים וויא איין לאנטערוס · צווייטענס האט ער פאר שטאנען דאס מען ווערט אים
דארטע,

דארטען שיטען זאלץ אויף דיא וואונדען · דריטענס האט ער
זיך דער מאנט אן דער צואה וואס זיא וואר אים איין גאנץ
איבעריגע זאך וויא איין אוים גיצאלטער וועקסעל · דאך אבער
האט ער געמוזט גיין · האט געליהען איין פוטער ביא דעם
שמש פון קלייזעל אונ האט זיך אריין געשארקעט וויא איין
בזוי צוא דעם רב אין שטוב · אונ דארטין האט אים דער
רב איבער גיגעבן דיא צואה פאר חתמת פאר עדות וויא
דער פאטער האט געהייסען · ער האט נאך אמאל ניט אקעגען
געטאן אויף אים · אונ דער יורש איז זיך דער מיט אוועק
אין דעם צימער וואו זיין פאטער איז גישטארבען · עס וואר
שוין דאן אחורבה אן טירען אונ אן פענסטער אונ פר וויט אונ
פר שנייט · נון האט ער דארטען אליכטעל אן גיצונדען אונ האט
גיעפינט דיא צואה מיט גרוים שרעק אונ ציטערען וויא איין
טויטעס אורטייל (דעקרעט) אונ ער האט זיך ווירקליך ניט
געאירט · דיזע צואה וואר ווירקליך איין דעקרעט אדער איין
טוידעס אורטייל · דען אין דיזע צואה איז אזו געשטאנען ·
ווען איך בין גיוועזן דיר אזו גוט אוועק צוא געבען דיר נאך מיין
טויט מיין גאנצעס פאר מעגין · דיר וואס איך וויים · דיך דאס דוא
ביזט פאר דארבען פון הויט אונ קנאכען · פון קערפער אונ זייל ·
נון זאלבסט דוא איצונד צוא דעם סוף פון צעהען יאר נאך מיין טויט
אויך אזו גוט זיין צוא צוא נעמען מיין גוטען ראט אויך ·
וואס ווערט דיך פיל מאל מעהר גליקליכער מאכען אלס דיא
ערכטע ירושה וואס דוא האסט געהאט פון מיר · איך ראט
דיר מיין איינציגער קינד · וויא איך האב שוין פאר אויס
בערעכענט אונ האב איין גיזעהען דאס אין אמשך פון צעהען יאר
נאך מיין טויט · ווערסט דוא שוין זיין העכסט אום גליקליך · דאס
דוא זאלסט מאכען איין ענדע פון דיין לעבען · דען זאנסט ווערט
עס דיר נאך פיל שלימער גיין · דוא ווערסט שטארבען וויא איין
גרויסער זינדער אונטער דיא הענד פון דעם שארף ריכטער

תליון



(תליון) דוא זאלסט זיך אבער ניט שטעכען ניט דער טרינקען
פאר גיפטען · נור אויף הייגען אויף דיזעם קרוק וואס
דא אריין געשלאגען אין באלקען איבער מיין בעט אונ
אשטריק מוזט דוא דיך שוין אליין אויס העלפען · דער
עס קיינעם אונ זייא זיך ניט לאנג מיישב · דען דיין פאטער
דיר טרייער אלס איין אנדערער אונ אויך פיל קליגער
דוא · נון לייג עס ניט אפ אונ טוא עס אין דער זעלביגע
פון מיין יאר צייט · אונ דאמיט מען זאל וויסען דיא
פון דיין אויף הייגען זיך אונ קיינער זאל דורך דעם ניט
· זאלסט דוא דיזע צואה אן שפילעווען אן דיין קלייד
דוא ווערסט דיך אויף הייגען :

(מי זה לא יבין) נון ווער פאר שטייט דאס ניט דאס דיזע
האט אים ערשיטערט זיין בלוט · ער איז שיר געפאלן
אנמאכט ער האט אויף זיך צוריסען זיין פאר פוילטעס העמד
נאך אלס דער ערסטער שרעק איז אים איבער גגאנגען
זיך שרעקליך פון איינאנדער געוויינט האט מצדיק
אויף זיך דעם דין · האט מודה גיוועזן ביא זיך אין
דאס ער האט שרעקליך פאר זינדיגט · אונ דאס זיין
וואר מער אלס איין איש חכם · ניין ער וואר גאר אנביא
זיין קלארער בליק האט פאר אויס געזעהען וואס עס
מיט אים זיין אין צעהען יאר ארום · נון פאר געוויס איז
וואר וואס ער פראפעצייהעט (זאגט נביאות) אויף אים
עס ווערט מיט אים זיין נאך שפעטער · א גאנץ רעכט האט
זיך זעלבסט גיזאגט · ווען איך האב ניט זוכה גיוועזן
פאלגען מיין היילינען פאטער וויא צוא לעבען · נון מוז
אים פאלגען וויא צוא שטארבען · בפרט איך ווינץ מיר
דעם טויט פון כמה יאר · איך האב עס ניט געטאן נור
איך האב ניט גיוואלט מיט איין זעלבסט מארד פאר
דעם צאל פון מיינע זינד · נון איז גאט גירעכט מיין

פאטער

פאטער איז גירעכט · שאול המלך האט זיך אויך מאבד עצ
לדעת גיוועזן ווייל ער האט ניט געוואלט אום קומען דורך
שונאים האנד מיט אמיתה משונה · רעכט איך שטארב
און קיין שטריק פעלט מיר דא אויך ניט · דען איך בין
ארום גינארטעלט דער מיט :
וכבלוהו לדבר) און וויא ער האט אויף גיהערט אזו
ריידען מיט זיך אליין · האט ער דאס ליכטיל אן געקלעפ
וואנט · האט אראפ גענומען פון זיך דיא שטריקעל · האט גע
אפעטליע האט זיך ארויף גישטעלט אויף אקלעצעל און
דעם אנדערין עק אן געבונדען אן דעם קרוק · און האט
נאך דעם קלעצעל אשטויס געטאן מיט דיא פיס · נון אי
געבליבען הייגען אין דער לופטען · קוים אבער האט זיך
פעטליע איין עטוואס פארצויגען ארום זיין האלדז · האט זיך
קרוק מיט דער ברעטעל אין וועלכער ער וואר אריין געש
ארוים געריסען און ער איז אראפ געפאלען אויף דער
און באלד דארויף האבען זיך אן געהייבען צוא שיטען טו
רענדליך און פאפירען · טייערע קליינאדען און זעל
חפצים · ער האט זיך אויף געכאפט און האט גאר ניט גע
וואס זיינע אויגען זעהען דא :
לא) "ניין" האט ער צוא זיך געזאגט "ניין" דאס אי
געוויס קיין בלויזער צופאל (מקרה) פאר געוויס וואר עס א
געריכט פון מיין זעליגען פאטער זכרונו לברכה · און
איז בוודאי דער וואהרער זין פון זיין צוואה · דאס היי
האט בוודאי דיזען נייעם פאר מעגען בעהאלטען אין
ארט וואס איך זאל אים ניט קענען בעקומען פון דאנע
אלס איך וועל שוין קומען צוא אזו אגראד (שטאפע
איך וועל זיך שוין וועלען אויף הייגען פון גרוים נויט ·
איך זאל שוין פאר שטיין וויא מיט דעם נייעם איינע
צוא גיין :



חיש מהרה) נון איז ער וואס צום גיכסטען געלאפען
נקויפט צוויא גרויסע ליכט · און האט אלעס צוא זאמען
ופען וואס ער האט דארטען דער וואוסט · עס וואר בארעס
מער אלס צוואנציג טויזענד דוקאטען לבד פעריל ·
אנטען און זיכער וועקסלען און צווישן דיזע פאפירען האט
געפונען אויך איין שרייבין אדער איין בריף פון דעם
ער צוא אים · אין וועלכען עס וואר געשריבין ריכטיג וויא
זון האט דיא זאך פאר שטאנען · און דער צוא נאך זייער
נכרי כוסר · דער זון האט עס געלעזען און האט זיך איבר
מיט טרערען בעגאסען · נון האט ער דיזע נאכט צוא
אכט איינער אליין אין דיזער פוסטינע אין פריידען
ויינען · אויף מארגען האט ער עס אלעמען בעקאנט
ט און האט געוויזען אויך דיא צוואה און דעם בריף פון
ר צוא אים דאמיט מען זאל אים ניט חושד זיין דאס זיינע
עשירות איז פון גנבות · דען מען האט אים שוין ראוי
לטען דער צוא אויך :
מהיום ההוא והלאה) פון דיזער צייט אן און ווייטער: האט
יושר יורש אן געהייבען צוא פירען זייער לייטעם · איז
רען אגרויסער ערליכער איד האט גענומען אלייטעשע ווייב ·
געווארען אסוהר און עס האט אים אן געהייבען זייער גוט
יין · און מיט דער צייט איז ער געווארען גאר אנכבד אין
ם · און איז זיך גיוועזן כל ימיו איין שטילער בעל תשובה ·
אט זיינע קינדער מגדל גיוועזן לתורה ולחופה ולמעשים
ם · איין שיינער בייא שפיל פאר צולאזענע קינדער :

"דער סיום התורה"

פעם אחת) אמאל וואר דער גרויסער דרשן ר' ליב
ער אין טייצלאנד אויף איין סיום התורה בייא איין
ן קאנטאריסט וואס פלעגט צוא זיין איין גאנץ זעלטענער
גאסט

נאמט אין דר אידישר שול פון יענער שטאט · דיזער סיום
איז זייער פאראדנע צוא גיגאנגען · ערסטינס וואר ...
תורה געקליידעט אין גאלד אונ געצירט מיט בורלא...
דיא בעלייכטונג דער ביי אונ דיא מוזיק וואר וואס ש...
דער מאלצייט וואר גאר גרויס ארטיג · דיא געסט וואס...
געלאדען דער צוא ווארען דיא פני העיר · זיצענדיג ב...
טיש האט זיך דיזער קאנטאריסט פון אייניאנדער גירעד...
דיזעם ר׳ ליב טארלער איהר דיא פוילישע אידען אונ ה...
זייא זייער געלאכט · יא האט ער צוא אים גיזאגט אי...
אמאל אין ליטע אונ האב געהאט גענוג געלעגענהייט צוא ...
וויא דארטען גייט צוא מיט אסיום תורה · ערסטינס ...
דארט דעם סופר זייער שלעכט געצאלט · לבד דעם מו...
שרייבען דארטין דעם באלעבאס פאר בארים אמגלה...
תפילין מזוזות · דיא מענטעלע ווערט געמאכט פון ש...
רעסטקעס וואס דיא ווייב קלייבט צוא זאמען פון אל...
וואס זיא האט זיך געמאכט פון איר חתונה אן ביז ...
דער מאלצייט דער בייא זעהעט אוים עפעס וויא איי...
חסידעשער שלש סעודות · איך דאנק אייך אבער מיין ה...
זיך דיזער דרשן אפ גערופען צוא דיזעם גביר · איך דא...
דאס איר גיט מיר מיט דיזעם שפאס איינע גוטע געלע...
צוא זאגען אייך וואס איך דיינק איבער אייער סיום תור...
האט זיך אפ גערופען דער גביר עס איז אייך ערלויב...
זאגען וואס עס ליגט אייך טיף אין מאגען נור עס ז...
עכט אונ רעכט :

נון וויל איך בין אדרשן האט זיך דער ליב טארל...
אים אפ גערופען מוז איך אייך זאגען אמשל · אזו א...
וואס האט זיך בייא אונז אין גרוים פוילען געטראפען באמ...
זה שנים) עס איז שוין אצייט מיט יארען האט...
געהייבען צוא דער ציילען דאס עס האט זיך איין ש...



...גן געלאזען פון אונזער שטאט קיין פראנקרייך אונ האט
...עלאזען איין קליין מיידעל פון צעהען יאר ביי זיין שוועער
...ער · דען זיין ווייב איז געשטארבען דיזער יונגער מאן
...ענט זייער גוט לערנען אונ שרייבען · רעכענען אונ
...ואס פראנצוים ריידען · דאהער האט ער זיך זייער לייכט
...שלאגען צוא איין רייכען קאנטאריסט אין אן פאנג האט
...אט איין קליין געהאלט · דער נאך אבער האט ער אן
... זייער שטארק צוא וואקסען דאס ער איז גווארען ביי
... בוכהאלטער · אונ דער נאך איין קליינער שותף
...עפט אונ איז אזו וייט געשטיגען דאס דער קאנטאריסט
...ם אוועק גיגעבען זיין איינציגע טאכטער פאר אווייב :
... זיך אזו מיט דער צייט זיין יורש געווארען אונ האט
...רויסע געשעפטען דאס ער איז געווארען רייכער פון יאר
... אונ זיין נאמען האט אן געהייבען צוא קלינגען וייט
...יט · אונ וויא ער וואר גליקליך אין געשעפטען וואר ער
...ליך מיט זיין זיווג · דען ער האט זיין פרויא זייער
...אונ זיא אים · זייא האבען אבער דער לעבט מער ניט
... טאכטער אשיין מיידעל אונ וייטער ניט · נון האבען
...ערצויגען זייער פרום · אונ האבען איר אויך געבילדעט
...ש שטייגער איז אין פאריז אונ האבען איר חתונה גמאכט
...ירעשען יונגען מאן וואס וואר אויך אשיינער יודע ספר
...איין געלערנטער אבער אביסעל לופטיג אונ ווינטיג · אונ
...אזו אויך קיין גוטער מאן צוא דער ווייב · דאך אבר כל
...יא עלטערען האבען גילעבט האט נאך דער יונגער מאן
...ם אפ שייא פאר זייא · אונ דיא יונגע פאר פאלק האבען
...ן זיך גילעבט מעהר אוים פאליטיק אלס אוים ליבע : דער
...ר אבער וואס ער האט גוט פאר שטאנען דאס זייער פרידין
...ם נור אויף הינערשע פים · האט דאהער זיך בעשלאסען
...טאבען נור זיין טאכטער אליין פאר זיין גאנצען יורש · דאס
הייסט

הייסט דאס דער מאן זאל ניט האבען וואס צוא זאגען אי
איר פאר בעגען :

ויהי טרם מותו) אונ עס וואר פאר זיין טויט האט ער א
גערופען צוא זיך דיא טאכטער אונ האט צוא איר געזאגט
דוא זאלסט וויסען מיין קינד איך קלייב מיך צוא שוין איבער
גיין אין יענעם עולם · נון וויל איך מיט זיך ניט נעמען א
געהיימנים (סוד) וואס ליגט מיר שווער אויף מיין געוויסן
איך האב דיין מוטער גענומען פאר אוייב · נון פאר מיין
מוז איך עס דיר ענטדעקען זאלסט וויסען מיין קינד דאס
האב געהאט צווייב פאר דיין מוטער דארטין אין פולין פון
איך בין אונ איך האב מיט איר אקינד געהאט אמיידעל זיא
אלט צעהען יאר בשעת איך בין אוועק פון דארטען · איך
איר פאר לייקענט פאר דיין גרויס פאטער אונ פשיטא שוין
דיין מוטער · אונ האב ביז אהער פון איר ניט געהערט
מיין טייערעס קינד בעשווערע איך דיר דאס דוא זאלסט גא
טויט באלד שרייבין צוא איר דאס זיא זאל צוא דיר קומע
דוא זאלסט איר געבן אצעהענטל פון דער ירושה · דען זיא איז
אויך מיינע אקינד אונ דיינע אשוועסטער מען רופט איר ד
אונ איר מוטער האט געהייסען דבשה פערגעווים איז זיא
ערליכעס קינד · דען איך האב איר געלאזען אין אכשרה
ביא פרומע לייט דאס הייסט ביא מיינע ערסטע שווינער על
נון זאלסט דוא איר מקרב זיין מיט שוועסטערליכע ליבע ·
האב עס ניט געטאן אליין ביז אהער ווייל מיר איז גיוועז
טייער מיין הויז פרידען · דיין מוטער עליה השלום וואלט
האלטען פאר איין בעטריגער אונ צווייטענס וואלט זיא ניט ג
פון איר איינע גוטע אויפנאהמע · נון אבער איז שוין דיין
טויט האלט מיך . שוין קיין זאך אפ דאס איך זאל זיך פו
מרחיק זיין אונ אזו דוא אויך · דען איך האב דאך געהא
רעכט צוא לאזען דיר צעהען ברידער אונ שוועסטער · נון
דיר



ריזע איינציגע שוועסטער ניט זיין צוא לאסט אונ זאלסט איר
נעמען פאר איין גוטען גאסט :

הבת שמעה) דיא טאכטער האט גיהערט אונ איז גווארען
גערירט דער פון · אונ האט געשווארען דעם פאטר דאס
וועט פון איר האבען דיא בעסטע בעהאנדלונג אונ וועט
זיין וואונק אין העכסטען גראד · זיא האט אים גזאגט
דאס זיא האט דער פון קיין צער גראדע נאך אום גקערט ·
פרייט איר הערץ דאס זיא האט אשוועסטער אונ וואלט איר
וועלען זעהען · דען זיא וואר באמת איינע גרויסע גוט
ציגע דאמע :

אחר הדברים האלה) נאך דיזעם טרויעריגען געשפרעך איז
דער פאטער אוועק געשטארבען אונ איז מקובר געווארען
גדול · אונ דיא טאכטער האט באלד מקיים גיוועז דעם
צוואה אונ האט געשריבען אבריף צוא דער שוועסטער
זיא זאל קומען צוא איר · דיזער בריף אבער האט איר שוין
ווער וואוסט אין געבורסט ארט · דען זיא האט שוין לאנג
געהאט מיט אשטיקעל בעל מלאכה אין איין אנדר שטאט ·
מען האט אין איר געבורטס ארט שוין גאר ניט געוואוסט
צוא זאגען פון איר · זיא אבער וואו זיא איז גיוועז האט גאנץ
געוואוסט דאס זיא האט אפאטער אגביר אין פאריז · דען עס
איר דער ציילט מענטשין וואס זיינען פון דארטין גקומען ·
ליגט דורך זייא אפט בעקומען צוא דרייסיג פערציג דוקאטן
זיא זאל צוא אים ניט שרייבען אונ פשיטא שוין ניט
נון איצונד ווייא זיא האט געהערט דאס דער פאטער איז
דער גאנצער יורש פון זיין שוועער אונ שווינגער · אונ דאס זיין
איז שוין אויך טויט דאס ער האט שוין ניט פאר וועמען
שעמען זיך מיט איר · דער צוא נאך האט ער מער ניט וויא
גיגעבענע טאכטער איז ביא איר געבליבען דאס זיא
אוועק לאזען צוא אים · אונ האט געדרונגען אין איר
מאן

מאן דאס ער זאל מיט איר מיט גיין · דיזער ישוב הדעת ה
געדויערט אפאר יאר · אונ דער נאך האט גיווערט אייאר ביז
האט זיך צוא געקליבען אין וועג אריין מען האט פאר קויפט א
איבעריגע זאכען מען האט פאר דונגען דיא חאלופע אויף איי
מען האט צוזאמען געמאכט אטאלער פופציג אויף הוצאות ·
האט געקויפט איין איינענעם פערדעל אונ מען האט זיך א
געלאזען אין וועג · זיא מיט איר מאן מיט צווייא קינדער
אונ מען האט זיך אזו גישלעפט אפינף זעקס חדשים · אפי
פאר דינט אויף דעם וועג · דען ער וואר איין יובילער · אפי
אונטער גיבעטילט :

קורץ דער פון מען איז געקומען קיין פארי

אונ מען איז זיך פאר פארען אין איין ארעמער אכסנאי אונ ע
קומענדיג אהין זיינען זיי גיווארן דאס ער איז שוין איאר
דער פאטער איז טויט אונ דאס היינט איז גראד יאר צייט
אים · שלעכט האבען זייא ביא זיך געטראכט : עס איז
גאר אומזיסט אונזער פארען אהער דיא טאכטער וועט אונז
ניט וועלען גלייבען דאס מיר זיינען איר שוועסטער אונ שוו
אונ ווען אפילו מיר וועלען ווייזען דיא בריף וואס מיר האבען
אונזער רב צוא דעם היגען רב וועט זיא אונז אויך ניט ו
קענען · נון האבען זייא זיך אן געהייבען צוא בערעכענען
אזו זייא זאלען צוריק מאכען דיזע שווערע רייזע · דען זיי
נעבאך קאם אהער דער צווינגען דער ווילע וואס וועט זיין
זיין האט זיך דיא טאכטער אפ גערופען דער ווילע ווייס
דאס מיין פאטער איז טויט אונ דאס היינט איז ביא אי
צייט · אונ אויב וואול ער האט מיר פון טאכטעריא אפ גיזא
וועל איך אים דאך ניט אפ זאגען פון טאטעריא · איך ט
היינט אויף זיין קבר אונ וועל אים בעויינען וויא איינע
טאכטער · דען מיין הערץ איז מיר פארט אויס גערוסען נאך
איך



גלויב דאס ער וועט מיך פון זיין קבר ניט אראפ טרייבען ·
איצונד איז ער אזו ארעם וויא איך :
תתעטף בסדינה) נון האט זיא זיך איין געוויקעלט אין איר
אונ איז אוועק אויף דעם בית עולם · האט זיך דארטין
גיפרעגט ביא דעם קברות מאן וואו עס ליגט דער אונ דרי· אונ
האט איר באלד געוויזען מיט שרעק אונ פארכט איז זיא צוא
נען צוא דיזעם גראב · דען עס איז געשטאנען אויף אים
צע מארמארענע הויז מיט אטייערען שטיין מיט גילדערנע
טאבען זיא האט עס אין לעבען ניט גיזעהען · נון האט זיא
זיך געטראכט דאס אין פאריז זיינען דיא לייטע רייך אויך
ייער טויט · דאך אבער אלס זיא האט איבער גילייענט דיא
מיט זיין נאמען · איז איר געווארען איר פארקילטעם הארץ
ווארעמט דאס איהרע ביידע אויגען האבן זיך פאר וואנדילט
צווייא קוואלען וואסער · ליבער פאטער האט זיא אן געהויבען
עס איז מיר ניט גיוועזען בעשערט צוא זעהען דיין כבוד בשעת
האסט געלעבט האב איך ווייניגסטענס זוכה גיוועזען צו זעהן
כבוד לאחר מותך דוא ליגסט דא מקובר וויא איין אידעשער
אונ אזו דוא אויך ליבער פאטער ווען דוא האכט דיינע
ליכע ליבשאפט אפ געטאן פון מיר בשעת דוא האסט גלעבט
עס פון מיר ניט אפ לאחר מותך · זייא דארטען פאר מיר אונ
יין מאן אונ פאר מיינע קינדער איין מליץ טוב פאר דעם כסא
י דען וויא איך האב גיהערט פון לייטען אונ וויא עס שטייט
יין מצבה געשריבען ווארסט דוא איין איש צדיק וישר :

ויהי בעודנה מתנפלת ובוכה) אונ עס וואר וויא זיא ליגט
א וויינט · איזט אן גיפארין אטייערער קאין מיט צווייא
· אונ איינע דאמע געקליידעט אין טרויער איזט
אים ארויס מיט איין שיינגעבונדענעם מענה לשון אין דער
איינע קאמער מיידכען וואס איז איר נאך גענאנגען

איזט געבליבען שטיין פון ווייטען · אונ זיא אליין איזט
גענאנגען צו דעם זעלביגען קבר וואו עס ליגט אונ וויינט
ארעמע פוילישע פרויא :

"ווער זייט איהר" האט איר דיא דאמע געפרעגט ?
האט איר דא צו מאכען אויף דיזעם היילינגען גראב (קבר) ·
געהערט נור מיר אליין אן · דען דא ליגט מיין פאטער ·
צו שראקען אונ האלב צו מישט האט זיך דיא ארעמע
אויף געהאפט אונ האט איר גיענטפערט עפעס וויא פאר
אזוא דיזער היילינגער מאן איז אייער פאטער · אונ דאס איז
מיינער אויך · אונ וואר נאך מיינער פריהער אלס אייער
נון פערגינט מיר נאך איינע ווייל מיינע ערסטע אונ
טרערען אויס צו וויינען אויף זיין גראב · אונ דער נאך וועל
אים שוין אויף אייביג פערלאזען :

THE MEETING

ויהי אך כלה דבריה) קוים האט דיזע פוילישע
געענדעט אירע רייד האט איר דיא דאמע געפרעגט וויא
רופט איר · אונ וויא מען האט איר מוטער גערופען "מיך
מען דבורה · אונ מיינע מוטער האט מען דבשה גערופען ·
זיא איר גיענטפערט "נון זייט איר עס מיין שוועסטער" האט
צו איר געזאגט · אונ איז איר באלד ארויף גיפאלען אויף
האלדז אונ האט איר אן געהויבין צו קושין אונ אויך צו
אונ אזו האבין זיי זיך דארטען איינע גוטע שטונדע זייערע
געמישט אויף זייער פאטערס גראב · דער נאך האט זיא איר
גענומען אין איר קאץ אונ האט איר אפגעפירט אויף איר
אונ האט איר געלאזען געלט דאס זיא זאל זיך אויס
געהעריג · זיא אונ איר מאן אונ דיא קינדער · אונ דער נאך
זיא זייא אפ גיגעבין איין שיינעם קוואטיר אין איינעם פון
הויפען · אונ דאן האט זיא איר דער ציילט פון דעם

צוואה



צוואה · אונ האט זיך מיט איר געפרייט פון גאנצען הערצען ·
דיזע גאנצע צייט וואר איר מאן אין וועג · נון האט זיא דער ווייל
צייט גיהאט אראפ צו ראמען דיא ארעמקייט אונ דעם עלענט פון
אירע נייע נעסט · דאס זייא זאלין אויס ווייזען פאר איר מאן עפעס
דיא לייטעשע מענטשען :

אויס דיזע הכנות האט דיא פוילישע שוועסטער פערשטאנען
דאס זיא לעבט מיט איר מאן עפעס ניט אזוא גאנץ פערטרויט אונ
געליבט · דען דאס האט זיא פחד דאס עס וועט אים ניט
געפעלען · אונ דאס וועט ער ניט וועלין ליידען · אונ דאס
ייכען · אונ דאהער אלס דיא ביידע שוועסטער ווארען שוין
טרויט איינע מיט דיא אנדערע · האבין זייא אן געהויבין אויס
ביטען זייערע הערצער צווישען זיך · זייא האבין זיך דער
לט איינע דיא אנדערע זייערע מערכות וואס זייא האבין פאר
רע מאנען · אונ דאן האט זיך אויס גילאזין דאס דיא רייכע
מקנא גיוועין דיא ארעמע אונ האט צו איר אזוא גיזאגט דוא
פיל גליקליכער אלס איך · דען צייט דוא לעבסט מיט דיין
וואר דיין טיש געווירצט מיט דעם ווארען פרידען · אונ מיט
ליבשאפט · דען וויא איך זעה איין איז דיין מאן אויב
איין בעל מלאכה נור איין בראווער ערליכער שטילער מאן
שוינט דיר זייער אונ האלט דיך טייער אונ פאלגט דיר
דיך אונ פרייזעט דיך וואו ער שטייט אונ גייט · דוא
פאר אים אונ ער לעבט פאר דיך נור · ניט אזוא איך
ליבע שוועסטער · איך בין פון דיזעם גליק אין גאנצען
· מיין מאן דולדעט מיך נור · אבער ער ליבט מיך ניט ·
ער איזט מיך אין יעדער זאך דער ווידער · ער האט שיינע
רען אונ איז קיין מאל ניט אין שטוב · ער האט שיינע
אונ לערענט קיין מאל ניט · ער איז איין למדן איין
לדעטער מאן אונ פירט זיך אויף זייער פראסט · ער האט

מיר

מיר צו פערדאנקען זיין: גאנצעם גליק און איז מיר ניט מכיר
טובה · מיינע געטריינקע מישט זיך מיט טרערען־מיין עסען איזט
מיר פאר שטערט · און געקנאטען אויף זיפצען און קרעכצען ·
דען ער ברייננט איטער צום טיש אזעלכע געסט וואס זיינען ניט
ווירדיג מיין הויז צו בעטרעטען · נון לאזט זיך מיין שוועסט
אוים דאס דוא ביסט דיא נגידה · דען געלט און נחת איזט נאר
צוויא זאכען · רייך נור איזט יענער · דער וואס איזט אויף די
וואהרע גיטער פון לעבען איין רעכטער קענער · און ווען איך
וואלט מיך ניט שעמען פאר לייטען · וואלט איך מיין גרויס
פערמעגען אויף דיינעם גליק אוים בייטען · איך וואלט מיינ
מאן אוועק געבין וואס איך האב · אום צו בעקומען נור אי
ערליכען מאן וואס זאל מיר זיין הערץ אוועק געבין אין גאנ

נון דיא געשיכטע האט זיך אוים גילאזין וויא זיא וויל
ניט דאס מיין איך · איך מיין וואס אנדערס · איך מיין נור אי
צו געבין צו פערשטיין דאס גאט ברוך הוא וויל אויך בעס
דעם מענטשענס הערץ וואס לעבט פריינדליך מיט דר תורה א
איזט איר צייט אין אלע צייטען · און פרייט זיך מיט איר א
איז איר ניט דער ווידער אין מינדעסטען · און אויב וואול
האלט איר איין געוויקעלט אין ארעמע מענטעלע · און מאכט א
ארעמען מאלצייט צו דעם סיום תורה · אלם דאס הערץ פון איי
רייכען מאן וואס שרייבט איין ספר תורה מיט גרוים פראכ
און מאכט איין סיום תורה מיט גרויס פאראד · קליידעט איר
אין גאלד און אין בורלאנטען · און איז ניט פערקאכט אין
ליבשאפט · איז ניט מקיים אלע איהרע געבאט ריכטיג
פינקטליך · פערקערט נאך ער קימערט זיך דער נאך אום
גיט וויא איין אוים געלאשענער מאן אום זיין פרויא באלד
דער האכצייט:
אזעלכע רייד זאג איך גראדע ניט דא · איך האב עס
נעזאגט



…אנט כמה מאל אויך ביא אונז אין פוילען ווען איך פלעג נור
…הען דאס אמענטש וואס איז גאר ווייט פון גאט אדער וואס
…ום עובר בגלוי אויף כמה וכמה לאוין אזו וויא אויף לא תלין
…ולת שכיר · אדער וואס גיט אפאלשע מאם אדר אפאלשע
…אג · אדער אזוא גאר ער שווערט פאלש און שרייבט איין ספר
…רה · גיין וויא עס פאסט ניט צו טראגין פעריל און בורלאנטען
…גיין דער צו אפגעריסען מיט הוילע פיאטעם · אזו פאסט ניט
…ר אמענטשען צו שרייבין אספר תורה און צו טאן דער ביא
…ס עס איז פערבאטען · אבער וואס העלפט עס· דיא וועלט איז
…ער פערנארט און פאר דעם ווארען פערשטאנד פאר שפארט:
דיזעם רייד האט זייער פיל געווירקט אויף דיזעם קאנטאריסט
…ער האט זיך אין כמה וכמה זאכען גיבעסערט און גיענדערט:

### *דיא אונגליקליכע הויכצייט (חתונה)*

שתי משפחות היו בין אנוס ספרד) צוויא פאמיליען ווארען
…טער דיא אנוסים .פון ספרד וואס האבין זיך אריין געקליבין
האלאנד*) · איינע האט גיהייסען דיא מארישקעסע פאמיליע ·
אנדערע האט גיהייסען דיא אקאשטעשע פאמיליע · זייא
…רען ביידע זייער רייך און גרויסע מיוחסים און אויך געלערנטע·
…ע זייער פרום און גוט · דאך צווישין זיך ווארען זייא זייער

גרוישע

*) בשעת עס וואר דער גרוש פון שפאניען האבין זיך דארט
…ר פיל פאמיליען אפגעשטעלט · דען זייא זיינען גיווארין
…טען · זייא ווארען עס אבער נור לפנים · דען באמת ווארען
… יודען אינסנעהיים · דיזע פערשטעלטע קריסטען ווארען
…ען אנוסים · מיט דער צייט זיינען זייא פון דארטן אוועק נאך
…אנד און זיינען גיווארין פובליצנע יודען און ווארען זייער רייך ·
…זייא פלעגען מיט זיך זייער פיל עשירות צו ברייגגען:
(טוראלישע ערציילונג)

גרוישע שונאים · איין משפחה האט אויס געוויכען די אנדערע · אין דער געזעלשאפט וואו עס וואר איינער פון דיזע פאמיליען · איזט שוין קיינער ניט געקומען פון דער צווייטער פאמיליע · ב שעה זייא ווארען נאך אין שפאניען אונטער דעם נאמען פון ק... פלעגט צו טרעפען גרוישע בלוט פערגיסונגען אונטער זייא · דע... זייא פלעגען הערויס צו רופען איינער דעם אנדערן אויף פאיעדינקעס · נור איצונד ווי זייא זיינען יודען געווארין · איז עס געבליבין נור ביי איין אייביגין האס · אונ אזוי האט זי... דיזע שנאה געצויגען כמה וכמה דורות אונ האבין גיהאט בקבלה פון זייערע עלטערען · דאס זייערע אבות הקדמונים האבין פאר שווארין זייא עד דור האחרון דאס זייא זאלין זיך ניט מתחתן זיין איינע מיט די אנדערע · אונ האבין זיך ווירקליך דער פ... זייער געהיט מעהר אלם הונדערט יאר · די אורזאכע פון דיזע שנאה איזט ניט בעוואוסט עד היום · גענוג מען האט זיך פיינט ניהאט ניט וויסענדיג פאר וואס · אונ באמת דארף מען גער ני... ווי זוכען אסבה פאר וואס זיך האלט צו האבין מיט דעם אנדערן אפער ניט פאר וואס צו האסען דעם אנדערען :

ויהי היום) אונ עס וואר אבער אמאל אגרוישע חתונה בייא אגרוישען אמשטערדאמער גביר וואס ווארען געלאדען א... די גרעשטע לייט פון שטאדט · אונ די ביידע פיינדליכע פאמיליען אויך · צוואר האבין זייא ביידע ניט גידארפט גיין ד... ווייל ביידע פאמיליען האבין ניט געוואוינט אין אמשטערדאם · א... אייניגע פון זייא זיינען גראד דאן געקומען דורך איין צופאל נור נון האבין זייא זיך גאר ניט געריכט דאס יעדער זאל געפינען דארטען זיין צד כנגדו אונ זיינען זיך שמאילנע גיגאנגען א... דיזער הויכצייט · צום אונגליק וואלטען אונטער דיזע געלאדענע פון דיזע צווייא פיינדליכע פאמיליען איין קנאבע (אבחור) ... איאר צוואנציג · אונ אמיידכען פון איאר אכצעהען · ער וואר
די



דיא אקאשטעשע פאמיליע אונ זיא וואר פון די מאריסקעשע פאמיליע · ער וואר שיין ווי יוסף · אונ זיא ווי די אבישג השונמית · קוים האבין זיך דיזע ביידע יונגע לייט דער זעהען · האבין זייא זיך פערליבט איינער אין דעם אנדערען · אונ זיינען זיך נאך גיגאנגען ווי דער שאטען דעם מענטשען · צוואר אין הערצען ביי זיך האבין זייא עס גיהאלטען פאר אזינד · דאך ווארען זייא ניט גענוג מעכטיג דאס זייא זאלען זיך מתגבר זיין איבער דיזע פערבאטענע ליבע · די מחותנים וואס האבין עס זייער גוט בעמערקט · האבין עס גיהאלטען פאר איין וואונק פון גאט דאס דורך דיזע פאר יונגע לייט זאלין זיך דיזע ביידע פיינדליכע פאמיליען פעראייניגען · אונ האבין דיזע געלעגענהייט זייער גוט בענוצט אום צו מאכען דורך דעם איין ענדע צוא זייער אלטע פיינדשאפט · אונ האבין דיזען שידוך אויס געפירט ווארט זייער לייכט · דען ביידע ווארען איינציגע ביי זייערע עלטערען וואס האבין זייערע קינדער געליבט מער אלם זייער לעבין · אונ יעדער פון זייא ביידען האט גיזאגט אונ דער צו אויך גישווארין ווען מען וועט זייא ניט צו לאזין דאס זייא זאלין זיך פערהייראטהען מיט איינאנדער וועלען זייא קיין מאל ניט חתונה האבין · דער צוא נאך ווארען שוין ביידע פאמיליען דאקוצעט מיט דיזעם אומזיסטען האס וואס ער געשטערט זייא אין זייערע געשעפטען אונ אין נאך כמה וכמה ענינים :

קורץ דער פון עס איז דער שידוך דארטען געווארען מיט דער איינווילינונג פון אלע צלעגעס (מיט גלידער) פון דיזע ביידע פיינדליכע פאמיליען · אונ ווי עס וואר גרויש זייער שנאה אזוי גרויס וואר נאך דעם די פריינדשאפט דאס מען האט גיקענט מיט רעכט אויף זייא זאגען דעם וועלטליכען גלייך ווערטעל פון גרויסע שונאים די בעסטע מחותנים · אין עטליכע וואכען ארום וואר
בייא

בייא זייא הויכצייט מיט דער גרעסטע פאראדע אין דער וועלט · דען ביידע צדדים ווארען גרויסע גבירים · אונ דיא חתונה האט געדויערט איין גאנצען מאנאט דארטען בייא דיא כלהס עלטערין אין שטוב וואו דיא פאר פאלק האבין געזאלט בלייבען אויף קעסט :

ויהי) אונ עס וואר אין דעם לעצטען טאג פון דיזער גרויסער חתונה · וואס דיא מחותנים האבען שוין געזאלט פון איינאנדער פארען האבען דיא יונגע לייט וואס ווארען דארטען געמאכט איין בעהאלטענעם שפיל וואס וואר דער בייא זייער לוסטיג צייטען געגאנגען · דען אזו וואר דארטען דיא מאדע פון אלטע צייטען אונ אזו איז אויס געקומען דאס דער חתן האט זיך אויך געדארפט בעהאלטע אונ דיא כלה זאל אים אויף זוכען · נון האט ער זיך בעהאלטען אזו גוט דאס ניט אזו דיא כלה האט אים ניט געקענט געפינען · זעלבסט אלע הויז לייטע אויך ניט · מען האט אים געזוכט אגאנצען טאג אונ אגאנצע נאכט · מען האט אום געקערט אלע צימערען קאפור אונ ער איז ניט דא · אונ אזו האט מען אים געזוכט גאנצע דרייא טעג אונ ער איז ניט דא · דאס ער איז אנטלאפען אדער ארויס געגאנגען ערגעץ וואר אונמעגליך · דען אלע האבען געזעהען וויא ער איז אריין אין דיא לעצטע צימערען וואס האבען גאר קיין ארויס גאנג אונ אלע פענצטער זיינען פארשרויפט פון אינעווייניג וויא געוועזען · נון האט אן געהויבען דיא אקאשטעסע פאמיליע חושד צוא זיין דיא מאריסקעשע פאמיליע · דאס הייסט דר חתנס צד דאס זיי זיינען זיי נאך שונאים וויא גיוועזען · אונ האבען דעם חתן אום געבראכט אויף איין געהיימען (סאקרעטנעם) אויפען · אונ עס איז געווארען באלד אגרויס קריג אונ אגרוישע שלעגעריי · דאס מען האט זייא קוים פון איינאנדער געריסען אונ דיא זאך איז אן געקומען צוא דער אבערקייט (נאצייאלסטווא) · עס וואר גרוישע קלעטצוועס גרוישע רעוויזיעס אונ מען האט ניט געקענט דער גיין · נון איז דיא כלה געבליבען



...בליבין איין עגונה · אונ האט בעוויינט איר חתן מעהר אלס ...הען יאר :

ויהי מקץ עשר שנה) סוף צעהען יאר האט זיך געמאכט ...ס מען האט געדארפט דיזע הייזער ראפארירען · האט מען ... גענומען פון אלע ווענט דיא שפיגלען אונ דיא פאטרעטען · ...ס מען דער וואוסט אונטער איינעם גרוישען פאטרעט וואס וואר ...ער קינסטליך געמאלט אקליין טירעלע וואס דורך איר איז ארייני ...ניין אין איין פאטעיעמניק (איין פארבארגענער צימער) ...ס דיזע פאמיליע האט דער פון גאר ניט געוואוסט · דען זייא ...בען דיזען בנין געקויפט איין פארטיגען מיט דיא מעביל פון ...ער גרוישען הערשאפט · נון האט מען אהין אריין געלאזען ...טשין צוא זעהען וואס איז דארטען · וויא ער איז אבער ...טער איז ער שוין מער ניט ארויס · דען ער איז דארטען ...שטיקט געווארען · דא האט מען באלד אויף געהאקט די וואנט ...מען האט אריין געלאזען אהין פרישע לופט · אונ מען איז ...ן אהין מיט אן געצונדענע שטאלקארצען · עס וואר אראפ ...יין צוואנציג טרעפ אונ דאן איז מען געקומען אין איין זייער ...ענען סקלעפ · אונ דארטען האט מען דער וויסט זייער פיל ...ות גאנצע קאסטענס מיט גאלד אונ טייערע געסיר אונ דער ...א דעם מענטשין וואס מען האט אים אראפ געשיקט ליגט טויט · ...ניט ווייט פון אים האט מען געפונען אצופוילטען סקעלעט ...פער) · מען האט אים אונטער זוכט · אונ מען האט געפונען ...א אים איין זייגעריל מיט איין חתימה וואס וואר אויף אים ...ס געקריצט דער נאמען פון חתן · אויך האט מען געפונען אויף ...ן פינגער דיא רינגען וואס דיא כלה האט אים געשאנקען צוא ... חתונה · אונ נאך פיל אנדערע סימנים וואס עס וואר צו ... קענען דער פון דאס איז דער חתן · נון איז געווארען ...ישער לארעם איי שטוב אונ באלד האט דער מיט אויף געקאכט

גֶעקָאכְט דִיא שְׁטָאט · דֶער רַב הָאט מַתִּיר גִיוֶועְן דִיא כַּלָּה ד
זִיא מָאג אַיין מַאן נֶעמֶען · זִיא הָאט אָבֶער אִירֶע טְרוֹיֶער קְלַיי
נִיט אוֹיס גֶעטָאן אוּנ הָאט בְּעוֵויינְט אִיר גֶעלִיבְּטֶן מַאן כָּל זְמַן
הָאט גִילֶעבְּט · זִיא הָאט אִים גֶעלָאזְט מְקַבֵּר זַיין מִיט גְ
כָּבוֹד אוּנ הָאט גֶעלָאזֶען לֶעבִּין אִים אַיין מָקוֹם פְּנוּי פַאר זִיךְ :
אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער בַּייא שְׁפִּיל פוּן יֶענֶע וָואס זַיינֶען ע
דִיא שְׁבוּעָה פוּן זַייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען · דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיז אִין
קְרָאנִיקֶעס פוּן אַמְשְׁטֶערְדַאם אוּנ אִיז שׁוֹין אִיבֶּער זֶעצְט מִיט גְ
אֲרִיכוּת אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ :